מארגן, דאנערשטאג, לעקציע פון חיים גרינבערג "אידישע דערציאונגס פראבלעמען" 8.30 אוונט אין פאלקס שול

וועטער: קלאר און מילד

זון אויפגאנג — 8.27
זון אונטערגאנג — 4.34

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910. Published DAILY

דאס אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע עטאבלירט אין 1910 דערשיינט יעדן טאג

Vol. 20, No. 288. Winnipeg, Wed. Dec. 31, 1930.

Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג

מיטוואך יא' טבת, תרצ"א.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY JAN 6 1931 ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

בענעט צייכנט אן פארמערס הילף פלענער

אין זיין רעדע אין רעדזשיינע לעצטע נאכט, האט דער פרעמיער צוגעזאגט צו העלפן די פראווינצן צו שטיצן נויטבאדערפטיקע פארמערס מיט שפייז, קליידער און זריעה; צו שאפן א פריוואטע קרעדיט קארפאראציע פאר פארמערס; צו העלפן פארקויפן דעם שניט פון 1930 און צו געפינען א ברייטערן מארק פאר קאנאדער תבואה

רעדזשיינע, סאסק., דעצ. 31. — אכט טויזנט מענשן האבן דא אנגעפילט די קאזארמעס צו הערן די רעדע פון פרעמיער בענעט, אין וועלכער ער האט אנגעצייכנט די פלענער פון דער רעגירונג צו העלפן די מערב קאנאדער פארמערס. די רעדע איז פארשפרייט געווארן דורך ראדיא איבער'ן גאנצן לאנד.

דער פרעמיער האט איבערגע'חזר'ט דעם ליסט פון וואל-פארפליכטונגען וואס ער האט אויף זיך גענומען ערב די וואלן, אין זיין רעדע אין וויניפעג, און האט אנגעצייכנט, ווי ער האט דערפילט א טייל פון זיי. "נאטירלאך האט איר ניט דערווארט אז מיר זאלן קענען אין עטלאכע חדשים צייט דערפילן אלע אונזערע הבטחות, באזונדערס ווען די צרות פון וועלכע קאנאדע ליידעט זיינען ניט געמאכט געווארן פון אונז. אבער פונ'ם אנהויב קאנט איר אורטיילן, אז מיר ווען אונזער ווארט האלטן", — האט דער פרעמיער געזאגט.

"קיין בירגער פון דעם לאנד טאר ניט ליידן קיין מאנגל פון שפייז, פון הונגער אדער קעלט", — האט מר. בענעט געזאגט, און אויסרעכענענדיק די מיטלען וואס די רעגירונג האט ביז איצט אנגענומען צו העלפן די ארבעטסלאזע, האט ער אנגעצייכנט די פאלגנדיקע פלענער צו העלפן די פארמערס אין זייער נויט:

1. מיטלען זיינען אנגענומען געווארן צו פארזיכערן דעם [illegible] פארקויף פונ'ם ווייץ-שניט פון יאר 1930. וואס די מיטלען זיינען האט דער פרעמיער געפונען פאר בעסער ניט צו פארעפנטלאכן: "מיר זיינען ניט אליין אויפ'ן ווייץ-מארק. עס הערשט דארטן א שארפע קאנקורענץ, און עס איז ניט אין די בעסטע אינטערעסן פון קאנאדע צו ריידן וועגן דעם".

2. די פראווינציעלע רעגירונגען וועלן ארויסגעהאלפן ווערן פון דער פעדעראלער רעגירונג צו פארזארגן די נויטבאדערפטיקע פארמערס מיט פרייע שפייז, קליידער און זריעה.

3. די רעגירונג וועט העלפן שאפן א פריוואטע קארפאראציע וואס זאל לייען געלט צו פארמערס וואס ווילן איינפירן געמישטע פארמעריי.

דער פרעמיער האט אויך דערקלערט, אז מיט זיין נסיעה קיין פראנקרייך האט [illegible] די האנדלס [illegible] וואס זי קריגט אויף'ן קאנאדער מארק געבן א פלאץ פאר קאנאדער ווייץ אויף איר מארק. ער האט געקראגן די הבטחה, אז פראנקרייך וועט קויפן פון קאנאדער 1930 ווייץ-שניט פון 7 ביז 9½ מיליאן בושל ווייץ.

קאנאדע מוז זיך פאר דער צוקונפט פארזארגן מיט א ברייטערן מארק פאר אירע ווייץ, און די רעגירונג פירט איצט אן פארהאנדלונגען מיט כינע מיט'ן צוועק צו קריגן דעם דאזיקן ריזיקן מארק פאר קאנאדער תבואה.

מר. בענעט האט געמאכט א וויכטיקן אנאנס וועגן דער האדסאן-ביי אייזנבאן: די ליניע און דער טשוירטשיל פארט וועלן פארענדיקט ווערן אזוי שנעל ווי מעגלאך, און די רעגירונג וועט געבן דער וועסט "קראוס נעסט פעס" פראכט טאריפן אויף תבואה צו דעם דאזיקן פארט.

מר. בענעט האט זיך אין אנהויב פון זיין רעדע אפגעשטעלט אויף דעם וואס די רעגירונג האט אויפגעטאן פאר די ארבעטסלאזע. אסיגנירנדיק 20 מיליאן דאלאר, האט זי דערמיט געעפנט געזעלשאפטלאכע ארבעטן אויף 60 מיליאן דאל.

וועגן דער אימפעריאלער קאנפערענץ האט ער דערציילט, אז ער האט געמאכט א דירעקטן און אפנהארציקן פארשלאג, ווי צו דערמוטיקן דעם אינטער-אימפעריאלן האנדל. די דאמיניאנס האבן אויפגעכאפט דעם פארשלאג, אבער ליידער האט דאס מוטער-לאנד דערווייל ניט געוואלט אננעמען אים, ווייל ער איז פארבונדן מיט טאריפן. דער פארשלאג איז אבער א געזונטער און ער לייגט גרויסע האפנונגען אויף דער פארזעצונג פון דער אימפעריאלער קאנפערענץ אין אטאווא קומענדיקן זומער.

דער פרעמיער האט געגעבן צו פארשטיין, אז ס'איז ניט שייך צו ריידן וועגן דער רעגירונגס גאראנטירן פרייזן און נעמען אויף זיך גרויסע פינאנציעלע התחייבות'ן. ניט די פארמערס אליין ליידן פון געפאלענע פרייזן, נאר אויך אנדערע אינדוסטריעס, און די רעגירונג מוז האבן אין זינען, אז נאר אינגיכן וועלן ווערן צייטיק ארום א ביליאן דאלאר נאציאנאלע חובות, און זי מוז היטן דעם קרעדיט פון לאנד.

ריידנדיק וועגן די טאריפן, האט פרעמיער בענעט באהויפטעט, אז די דרינגנדיקע טאריפן וואס זיינען איינגעפירט געווארן אויף דער ספעציעלער סעסיע האבן געהאלפן; אז א סך אינדוסטריעס זאלן ניט דארפן פארקלענערן, און אייניקע זאלן היבש פארגרעסערן זייער פראדוקציע, בעת אומעטום האלט די פראדוקציע אין איין פאלן.

לארד מעלטשעט באערדיקט נעכטן

זיין זון הענרי מאנד זאגט א תפילה ענלאך צו קדיש אין ענגליש —"דיילי טעלעגראף" בארירכטעט אז לארד מעלטשעט איז געשטארבן מיט "שמע ישראל" אויף זיינע ליפן

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

לאנדאן, דעצ. 31 (איטא). — אמבאסאדארן, קאבינעט מיניסטארן, אינדישע פרינצן און די אנגעזעענסטע פאליטיקער און דיפלאמאטן האבן זיך נעכטן באטייליקט אין לארד מעלטשעטס לויה, וועלכע איז דורכגעפירט געווארן מיט די פייערלאכסטע אידישע צערעמאניעס.

די מייסטע אנוועזנדיקע האבן אנגעטאן די היטלען, ווען הענרי מאנד, לארד מעלטשעטס זון און יורש, האט געזאגט א תפילה אין ענגליש, וואס איז ענלאך צו קדיש.

די אידישע גייסטלאכע וואס האבן דורכגעפירט די רעליגיעזע צערעמאניעס זיינען געשטאנען אונטער א ספעציעל אויפגעשטעלטן באלדאכין, כדי אויסצומיידן די שווערקייט פאראורזאכט פאר זיי דורכדעם וואס דער פאמיליען קבר געפינט זיך אויף א ניט-אידישן בית-עלמין

ליידי ערליי, לארד מעלטשעטס טאכטער, האט באקומען ארץ-ישראל ערד, וועלכע זי האט אריינגעלייגט אינ'ם ארון אונטער איר פאטערס קאפ, לויט דעם אידישן מנהג.

א ציוניסטישע דעלעגאציע אנגעפירט פון דר. וויצמאן, און אנדערע אידישע דעלעגאציעס, זיינען געווען אנוועזנד ביי דער לויה. דער ציוניסטישער אפיס איז געווען געשלאסן, ווי א צייכן פון טרויער

נאך דער לויה האבן זיך די אבלים צוזאמענגעקליבן אין רעפארם סינאגאגע פאר ספעציעלע תפילות. א ספעציעלע קירך-דינסט וועט דורכגעפירט ווערן היינט פאר לארד מעלטשעטס אנגעשטעלטע.

דעלעגאציעס פון לארד מעלטשעטס אנגעשטעלטע פון אלע טיילן פון לאנד קומען צו געבן דעם לעצטן כבוד זייער פאפולערן שעף.

ווי די "דיילי טעלעגראף" מעלדעט, איז לארד מעלטשעט געשטארבן מיט א תפילה אויף זיינע ליפן, און "שמע ישראל" זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

באערדיקט מיט אידישע צערעמאניעס אויף ניט אידישן בית-עלמין

פאליטישע פירער און אויסלענדישע אמבאסאדארן ביי דער לויה. — זיין זון, הענרי מאנד, קאנסערוואטיווער דעפוטאט, ירש'נט זיין טיטול

לאנדאן, דעצ. 31. — אין דער אנהייט פון צענדליקער אנגעזעענע פאליטישע פירער און אינדוסטריאליסטן, און א גרויסן עולם, איז לארד מעלטשעט געבראכט געווארן צו זיין אייביקער רו, מיט אלע אידישע רעליגיעזע צערעמאניעס, אויפ'ן סט. פאנקראס סעמעטערי (די סט. פאנקראס סעמעטערי, אין נארד-וועסט לאנדאן, איז א קריסטלאכער בית-עלמין; כאטש, ווי עס פאסירט אין ענגלאנד, קאן זי האבן א אידישע אפטיילונג. רעד.)

צווישן די אנגעזעענע פערזענלאכקייטן וואס האבן זיך באטייליקט אין דער לויה זיינען געווען די אמבאסאדארן פון פוילן, פראנקרייך, עסטרייך און גריכנלאנד און דער מאהאראדזשא פון בורדוואן, איינער פון די אינדישע פרינצן וואס באטייליקן זיך אין דער אינדישער קאנפערענץ. לאיד דזשארדזש האט געשיקט צו דער לויה סער דזשארדזש דייווים, ווי זיין פארטרעטער.

לאנדאן, דעצ. 31.— לארד מעלטשעטס זון, הענרי מאנד, קאנסערוואטיווער דעפוטאט אין פארלאמענט פון איסט טאקסטעט, ליווערפול, ירש'נט זיין פאטערס טיטול און ווערט לארד מעלטשעט.

דערמיט פאלט ער אוטאמאטיש ארויס פון פארלאמענט, באפרייענדיק זיין וואל-קרייז, וואו עס וועט דורכגעפירט ווערן א "ביי-עלעקשאן".

אין די אלגעמיינע וואלן האט מר. מאנד געוואונען דעם וואל-קרייז מיט א מערהייט פון 7,774 קעגן זיין נאענטסטן אפאנענט, דעם ארבעטער קאנדידאט, וועלכער האט געקראגן מיט 700 שטימען מער פונ'ם ליבעראלן קאנדידאט.

—(::)—

אויסטראליע שטעלט אויך אפ אימיגראציע

קאנבערא, אויסטראליע, דעצ. 31 (איטא). — די רעגירונג פון אויסטראליע האט אנגענומען א באשלוס צו פארבאטן די איינוואנדערונג פון אויסלענדער, ביז די לאגע אין לאנד וועט דערלויבן אראפצונעמען דעם פארבאט.

אויסער בריטישע אימיגראנטן, בנוגע וועלכע דער פארבאט איז ניט גילטיק, וועלן בלויז די וואס האבן שוין וויזעס דערלויבט ווערן צו קומען אין לאנד.

די רעגירונג האט געלאזט וויסן אלע אויסלענדישע קאנסולאטן וועגן איר באשלוס ניט אריינצולאזן איצט קיין אימיגראנטן, ווייל ס'איז ניטא פאר זיי קיין באשעפטיקונג אין לאנד.

"הסתדרות" פאדערט ציוניסטישער קאנגרעס זאל אפגעלייגט ווערן

ירושלים, דעצ. 31 (איטא). — די הסתדרות (אידישע ארבעטער פעדעראציע) האט געקייבלט צו'ר ציוניסטישער עקזעקוטיווע פאדערנדיק, אז דער ציוניסטישער קאנגרעס, פאררופן אויף פעברואר 24טן, זאל אפגעלייגט ווערן. עס ווערט אנגעצייגט, אז דער קאנגרעס אין פעברואר קאן שטערן דעם קאמפיין פון דער אידישער אגענטור אין אמעריקע.

די הסתדרות בעט, אז דר. לעאן מאצקין, פארזיצער פונ'ם ציוניסטישן אקציאנס קאמיטעט, זאל איינגעלאדן ווערן צו א באראטונג איבער דער פראגע צו באשליסן אפצולייגן דעם קאנגרעס.

נאך א איד פאר'משפט אין פארבינדונג מיט פאריאריקע ראיאטן אין ארץ-ישראל

חיפה, דעצ. 31 (איטא).— א אידישער נאכט-וועכטער, רובינשטיין, פון בת-גלים, איז געפונען געווארן שולדיק אין א פארזוך צו דערמארדן אן אראבישן ארבעטער, וועלכער איז פארוואונדעט געווארן אין די 1929 ראיאטן.

דער פראצעס איז געווען דער לעצטער פון די ראיאטן פראצעסן. רובינשטיין האט פארלאזן בת-גלים קורצלאך נאך די ראיאטן, און איז ארעסטירט געווארן אין פתח-תקוה אקטאבער 5טן, דאס יאר.

דער אורטייל פונ'ם געריכט וועט אפגעלירט ווערן.

זיבן טויט פון לונגען-אנטצינדונג אין איין פאמיליע

האוקינסוויל, דזשארדזשיא, דעצ. 31. — זיבן מיטגלידער פון דער פאמיליע פון דזש. ה. עווענס, א היגער פארמער, זיינען געשטארבן פון ניומאניע אין די לעצטע פיר טעג, און נאך פיר פון דער פאמיליע, אויך קראנק אויף ניומאניא, זיינען אין א קריטישן צושטאנד.

זאגט פאראויס דעם סוף פונ'ם קריזיס ניט שפעטער ווי אין מארט

טאראנטא, דעצ. 31. — פראפעסאר אייווען רייט, פון אילינאי, ריידנדיק דא ביי אן עפנטלאכער פארזאמלונג, האט פאראויסגעזאגט, אז דער קלימאקס פונ'ם איצטן געדריקטן צושטאנד וועט דערגרייכט ווערן ארום קומענדיקן מארט, און דערנאך וועט זיך אנהויבן די לאנגזאמע אבער זיכערע באוועגונג צוריק צו נארמאלע געשעפטן, מיט א נייער כוואליע פון פראספעריטעט אין 1932-1933.

פראפעסאר רייט באזירט זיינע פאראויסזאגונגען אויף די דערפארונגען פון דער פארגאנגענהייט. די פריעריקע קריזיסן האבן אין ערנסטן פאל אנגעהאלטן ניט לייננער ווי פון 18 ביז 24 חדשים, און דער איצטיקער קריזיס איז שוין 18 חדשים אלט. פראפעסאר רייט האט אנגעצייכנט, ווי די וויכטיקסטע עקאנאמישע פראבלעמען פון דער וועלט ביי איצטיקן מאמענט, דאס פאלגנדיקע: די רעדיסטריבוציע פונ'ם גאלד רעזערוו פון דער וועלט; די סטאביליזאציע און העכערונג פונ'ם פרייז פון זילבער; די פארקלענערונג פון חובות, פריוואטע און געזעלשאפטלאכע, און די פארקלענערונג פון די פראדוקציע קאסטן דורך דער באזייטיקונג פון די וויניקער טיכטיקע פראדוצירער.

—(::)—

אמאטאר דעטעקטיוו קריגט צוויי יאר סוספענדירטן אורטייל

דערפאר ווייל דזשאן דוואראנאווסקי אדער דוואראן, האט געמאכט א פארזוך צו שפילן די ראל פון א דעטעקטיוו האט אים א דעטעקטיוו אפגעפירט אין פאליציי סטאנציע און דער ריכטער האט אים געגעבן צוויי יאר סוספענדירטן אורטייל.

דזשאן דוואראן האט זיך דערקלערט פאר א דעטעקטיוו פאר א היגער פעקינג פירמע, און ער האט פארלאנגט פופציק דאלאר פאר אינפארמאציע וואס ער האט אנגעבאטן צו געבן דעם פארוואלטער וועגן גע'גנב'עטער סחורה ביי יענער פירמע, וואס זאל פירן צו דעם ארעסט פון די גנבים.

דעם סענעדזשער איז ניט געפעלן געווארן דעם "דעטעקטיווס" האנדלונג און ער האט וועגן דעם טעלעפאנירט צו דער פאליציי און דאס האט געפירט צו זיין ארעסט.

רוסישער גלח פארמישט אין געשלעג אין ניו-דזשוירסי

עליזאבעט, נ. דזש., דעצ. 30. — א צאל מיטגלידער פון דער היגער רוסישער ארטאדאקסישער קירך טראגן זיך ארום מיט לאנטערנעס אונטער די אויגן און מיט צעקלאפטע זייטן, ווי א רעזולטאט פון א געשלעג אין קירך, אין וועלכער דער גלח זאל זיך האבן זייער אקטיוו באטייליקט.

די געשלעג איז א רעזולטאט פון אן אלטער מחלוקת וועגן דער פירערשאפט פון דער ארטאדאקסישער קירך אין אמעריקע. ווי די פאליציי דערציילט, האט דער גלח, רעוו. מיקאליוס קאימאקאו, דערלאנגט א קלאפ א פרוי מיט א גרויסן צלם, און דערנאך האט ער זיך ארייננגעווארפן אין דער סאמע געדריכטעניש פון געשלעג "ארבעטנדיק" מיט א ביינקל אין האנט.

—(::)—

ענדערט זיין נאמען

מר. פ. גאלסקי, פון 638 מאונטיין עוועניו, בעט אונז צו פארעפנטלאכן אין דער צייטונג, אז ער האט געענדערט זיין נאמען אויף פיליפ געללים.

פרעמיער בענעט פארדאמט רייד וועגן אפשפאלטן די וועסט

רעדזשיינע, סאסק., דעצ. 31. — די אגיטאציע אנגעפירט פון אייניקע פערזאנען פאר דער אפשפאלטונג פון די פריירי פראווינצן פון דער קאנאדער פעדעראציע, איז דא שארף פארדאמט געווארן פון פרעמיער בענעט אויף א לאנטשאן ארגאנזשירט לכבוד אים פון די היגע קאנסערוואטיוון.

"די וואס פירן אן אזא אגיטאציע, טוען עס ניט פאר דער טובה פונ'ם לאנד", — האט דער פרעמיער געזאגט.

מען זוכט און מען וועט ווייטער זוכן, האט ער געזאגט, צו באשולדיקן די רעגירונג פאר דעם איצטיקן מצב אין לאנד. "קיינער קאן דאך אבער ניט אפלייקענען, אז דער איצטיקער קריזיס איז בלויז דער רעזולטאט פון ניין יאר פון פולשטענדיקער מיסאכטונג צו די פונדאמענטאלע פרינציפן פון קאנסטיטוציאנעלער רעגירונג און די עלעמענטארע עקאנאמישע געזעצן", — האט ער געזאגט. — "מיר וועלן אבער ניט אפשרעקן זיך פאר דער אומ'יושר'דיקער קריטיק פון אונזערע קעגנער, און מיר וועלן זען לייזן די פראבלעמען וואס מיר האבן פון זיי געירשנ'ט".

דער איצטיקער קריזיס, האט דער פרעמיער געזאגט, איז דער גרעסטער וואס די וועלט האט ווען געזען. עס איז דא אן אומגעהויערע איבער-פראדוקציע פון ווייץ, און די די ווייץ-אימפארטירנדיקע לענדער זוכן צו וואקסן גענוג ווייץ פאר איינענעם געברויך. אונטער אזעלכע אומשטענדן, האט ער געזאגט, קאן די רעגירונג באטראכטן בלויז די נאציאנאלע אינטערעסן און קאן ניט לאזן זיך באהערשן פון לאקאלע סענטימענטן.

דער פרעמיער האט אויסגעדריקט זיינע בעסטע האפנונגען אויפ'ן יאר 1931.

לעקציע פון פועלי-ציון ארבעטער אוידיטאריע אפגעלייגט אויף זונטאג

צוליב דעם פארום פון דער אידישער קולטור געזעלשאפט, איז די געוויינלאכע פרייטאגדיקע לעקציע פון דער לינקער פועלי-ציון "יוגנט", אפגעלייגט געווארן אויף זונטאג, 3 אזייגער בייטאג אין פרץ שול.

פ. זאלף וועט געבן אן איבערבליק איבער בנימין רעסלערס בוך "טוי-ערד".

80 געטויט אן באן קאטאסטראפע פאראורזאכט פון כינעזישע באנדיטן

פיפינג, כינע, דעצ. 31. — ארום אכציק מענשן זיינען געטויט געווארן און 47 פארוואונדעט געווארן אין א באן קאטאסטראפע, פאראורזאכט פון באנדיטן, אויף דער מאדערנער פיפינג-מוקדען אייזנבאן ליניע. 20 פון די פאסאזשירן זיינען געפאנגען געווארן פון די באנדיטן.

די באנדיטן האבן אראפגעריסן די רעלסן אין איין פונקט, און ניין וואגאנעס, צוזאמען מיט'ן לאקאמאטיוו, זיינען אראפ פון די רעלסן און איבערגעקערט זיך.

צוויי פון די וואגאנעס האבן זיך אנגעצונדן, און א סך פאסאזשירן זיינען פארברענט געווארן אויף טויט. די באנדיטן האבן צעפלינדערט דעם צוג, פארכאפט די געפאנגענע און זיינען אנטלאפן.

ארב. רינג-פרייהייט טעמפל שול באזאר שליסט זיך היינט אוונט

היינט, מיטוואך, איז דער לעצטער טאג פונ'ם באזאר פאר דער ארבעטער רינג-פרייהייט טעמפל שול.

דער באזאר וועט זיך היינט שליסן מיט א טאנץ און א גרויסער עולם ווערט דערווארטעט.

אין דער זעלבער צייט וועט היינט פארקומען א גרויסער אויספארקויף אויף א סך ארטיקלען, ווי: קליידונג, גראסעריס, צוקער, נאוועלטיס, בעט צייג און א סך אנדערע ארטיקלען וואס זיינען נוצלאך פאר יעדער היים. שפארזאמע באלעבאסטעס וועלן היינט האבן א געלעגנהייט איינצוקויפן נייטיקע זאכן פאר זייערע היימען צו זייער ביליקע פרייזן.

די באזאר פארוואלטונג בעט זייער אלע פריינט פון דער שול צו קומען היינט אין פרייהייטס טעמפל און מיטהעלפן צו פארענדיקן דעם באזאר מיט דערפאלג.

חיים גרינבערג האלט נאך א לעקציע מארגן; היינט אוונט באנקעט

ווי דער קאמיטעט וואס ארגאנזשירט דא חיים גרינבערגס לעקציעס (סירקין בר. א. נ. א. פ. פוע"צ און צ"צ) מעלדעט, איז אים געלונגען צו פארהאלטן דעם חשוב'ן גאסט אויף נאך א לעקציע.

די לעקציע וועט געהאלטן ווערן מארגן (דאנערשטאג) פונקט 9 אוונט, אין פאלקס שול. די טעמע וועט זיין "אידישע דערציאונג".

א באנקעט לכבוד חיים גרינבערג ווערט דורכגעפירט היינט, 8.30 אוונט, אין פאלקס שול. אלע זיינען איינגעלאדן.

—(::)—

פארום "דריי יארצייטן" וועט דורכגעפירט ווערן פרייטאג אוו.

"דריי יארצייטן" וועט זיין די טעמע פונ'ם פארום פון דער אידישער קולטור געזעלשאפט, דעם פרייטאג, יאנואר 2טן, פונקט 9 אוונט, אין פרץ-זאל, אונטער אויפזיכט פון פארום קאמיטעט פון אידישער קולטור געזעלשאפט.

דריי רעדנער וועלן ריידן איבער מענדעלע, יהואש און אנסקי, וועמעס יארצייטן פאלן אויס אין ערך אין דער דאזיקער צייט.

איקאר באזאר יאנואר 24

דער איקאר קאמיטעט בעט צו מעלדן, אז זיין יערלאכער באזאר וועט דורכגעפירט ווערן יאנואר 24טן — 26טן, אין שטיימאן האל, און בעט פריינטלאכע ארגאניזאציעס צו האלטן פריי די דאטומס.

אגב - אורחא

פון מארק

די פארברעכנס כוואליע און די "אויסלענדער"

עפעס א פאר צענדליק פארברעכער, שולדיקע אין דער כוואליע פון רויבערייען אין וויניפעג, זיינען אין משך פון דעם חודש אריינגעפאלן אין די הענט פון דער פאליציי, און האבן, נאטירלאך, באקומען זייער חלק: לאנגע טורמע טערמינען, כמעט אין אלע פאלן מיט א צוגאב פון שמיץ.

פון 35 רויבערייען זיינען אזוי דאכט זיך אלע, מיט'ן אויסנאם פון צוויי, באשטראפט געווארן.

דאס איז אן אויסערגעוויינלאכע בריהשאפט פון דער פאליציי,— אבער שטארק נתפעל ווערן דערפון איז ניטא וואס; כמעט אלע רויבערייען זיינען געווען "אמאטאריש". ווען עס קומט צו פארהארטעוועטע און דערפארענע פארברעכער, איז די וויניפעגער פאליציי גאר ניט אזוי בריה'דיק.

נו, און איז דער עולם כאטש איצט צופרידן?

ניט אינגאנצן. אפילו די שמיץ וואס ריכטער גרעהעם האט זיי אויסגעטיילט מיט א ברייטער האנט, זיינען נאך פאר א סך ניט גענוג צופרידן צו שטעלן זייער נקמה געפיל.

ווייל, פארשטייט איר מיך, דריי פערטל פון די געכאפטע פארברעכער זיינען געווען "אויסלענדער" (אויסער צוויי אידן, א מיטליאריקן און א יונגן בחור'ל, כמעט אלע אוקראינער).

און ביי א סך פון אונזערע עכטע קאנאדער מיטבירגער איז דא דער געפיל, אז מיר, הייסט עס, קאנאדער אליין, מעגן זיך באגיין וויפל פארברעכנס מיר ווילן, — דאס איז אונזער זאך. אבער איר, אויסלענדער, בעסער היט זיך!

* * *

און די היגע פרעסע איז טאקע פול מיט בריוו אין רעדאקציעס, וואו עכטע קאנאדער פראטעסטירן, למאי מען האט די "אויסלענדער" אזוי לייכט אפגעלאזן. טורמע און שמיץ זיינען טאקע ניט שלעכט. אבער דערצו האט מען נאך די חברה-לייט געדארפט דערנאך דעפארטירן, פון וואנען זיי זיינען געקומען . . .

דער פלאן איז ווארשיינלאך גאר ניט קיין שלעכטער. און ס'איז קוים צו גלויבן, אז אונזער שטרייננגער געריכט זאל עס האבן פארזעען.

דער חסרון אין דעם פאל איז אבער קאנטיק געווען דאס, וואס, אויסער וויניפעג, איז ניט געווען וואוהין צו דעפארטירן די דאזיקע פארברעכער.

ווייל, פארשטייט איר מיך, כמעט אין אלע פאלן זיינען די פארברעכער געווען נאך, אך, יונגע בחורים'לאך, ערב די צוואנציקער אדער אין די פריע צוואנציקער און זיי זיינען, דאכט זיך, אלע געווען געבארענע אין וויניפעג:

דאס הייסט, זיי זיינען באמת גאר ניט קיין אויסלענדער, נאר קאנאדער, א פראדוקט פונ'ם קאנאדער באדן און פון קאנאדער דערציאונג . . .

* * *

די באהויפטונג, אז די "אויסלענדער" זיינען מער פארברעכעריש גענייגט ווי די אמעריקאנער אדער קאנאדער, זעט מיר אויס, איז א גרינדלאך פאלשע, און באזירט זיך גיכער אויף געפעלשטע סטאטיסטיקס אדער אויף איינדרוקן, וואס זיינען ניט אין אנקלאנג מיט דער ווירקלאכקייט.

מיר איז אמבעסטן באקאנט די לאגע צווישן די אידן, און איך שטעל זיך פאר, אז ביי די אוקראינער און אנדערע אימיגראנטן איז די לאגע אן ענלאכע.

און איך מוז צוגעבן, אז אין די גרויסע אמעריקאנער צענטרען זיינען דא טאקע א היבש ביסל אידן באשעפטיקט אין גענגסטעריי.

אבער אויב אידן, לויט'ן כאראקטער פון זייערע פרנסות, גיבן אפשר בכלל א גרעסערן פראצענט אין געוויסע קאטעגאריעס פון קלענערע פארברעכנס, איז דאך אבער רויבעריי און באנדיטיזם זיכער פרעמד דעם אידישן כאראקטער.

און באשעפטיקט אין אזעלכע "פרנסות" זיינען באמת ניט אימיגראנטן, נאר קינדער פון אימיגראנטן, — לאקאלע פראדוקטן . . .

* * *

מיין איינדרוק איז, אז א סך שולדיק דערינען זיינען טאקע אונזערע דערציאונגס אינסטיטוציעס, די "פאבליק סקולס".

דאס זיינען די "סקולס" וואס פלאנצן איין אין די קינדער דעם גלויבן אין די "אומבאגרענעצטע מעגלאכקייטן" פון לאנד, און די שטרעבונג ארויפצוארבעטן זיך, "צו מאכן גוט", וואס מאכט דעם געיעג נאך רייכטימער פאר'ן אידעאל פון דער גאס.

און עס איז ווייטער די "סקול" וואס שטרייכט אן אלע כחות צו באקעמפן דעם איינפלוס פון דער אימיגראנטן-היים אויפן קינד, זוכנדיק צו אמעריקאניזירן אדער קאנאדיעניזירן אים.

און דאס פארשטארקט שוין במילא דעם איינפלוס פון דער גאס אויף'ן אימיגראנטן קינד.

* * *

קיין טאטע און מאמע, אפילו די פארברעכערישסטע צווישן זיי, חלומ'ען ניט פון א קאריערע הינטער די גראטעס פאר זייערע קינדער. אפילו שאפשאוויטש היט

(שלום אויף לעצטער זייט)

היינט לעצטער טאג פון באזאר אין פרייהייטס טעמפל, מציאות וועטשערע פארוויילונג טענץ, קומט אלע!